**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/3/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט באלד 1,000 נייע צוקונפטיגע נורסעס אלס טייל פון אנגייענדע באמיאונגען צו שטערקער מאכן און אונטערהייבן ניו יארק סטעיט העלטקעיר ארבעטסקראפט**

***געווינער פון ׳נורסעס פאר אונזער צוקונפט׳ סקאָלערשיפ פראגראם וועלן באקומען שטודיר קאסטן ביי SUNY אדער CUNY קאמפוסן אנגעהויבן אין הערבסט 2022***

***פירט פאראויס הויפט ׳סטעיט אָוו דע סטעיט׳ ציל איבערצובויען און מאכן וואקסן ניו יארק סטעיט העלטקעיר ארבעטסקראפט און שטערקער מאכן דעם העלטקעיר סיסטעם***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן באלד 1,000 נייע צוקונפטיגע נורסעס אלס טייל פון אנגייענדע באמיאונגען צו שטערקער מאכן און אונטערהייבן ניו יארק סטעיט׳ס העלטקעיר ארבעטסקראפט. אפליקאנטן זענען אויסגעמאלדן געווארן אלס געווינער פון דעם ׳נורסעס פון אונזער צוקונפט׳ סקאָלערשיפ פראגראם — אן אונטערנעמונג געצייגנט אויף צו רעקרוטירן און ווידער-טרענירן נורסינג און העלטקעיר פראפעסיאנעלן צו דינען אלס ניו יארק סטעיט רעגיסטרירטע נורסעס, וועלכע זענען יעצט אין הויכע פארלאנג. געווינער וועלן באקומען שטודיר קאסטן אויף זיך צו שאפן אן אסאסיעט דעגרי אין נורסינג אדער בעטשעלאר׳ס אין סייענס פאר נורסינג ביי א צוויי-יעריגע אדער פיר-יעריגע SUNY אדער CUNY קאלעדזש אדער אוניווערסיטעט.

״נורסעס זענען שטענדיג געווען אומשאצבאר צום העלטקעיר סיסטעם, אבער דורכאויס דער פאנדעמיע האבן זיי באוויזן איינמאל און נאכאמאל ווי ווייט זיי זענען גרייט געווען צו גיין אויף צו באשיצן ניו יארקער און ראטעווען לעבנס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״ניו יארק שטאלצירט זיך מיט אונזערע נורסעס, און די סקאָלערשיפ וועט גיין א ווייטן וועג אין שטערקער מאכן דעם ארבעטסקראפט מיט מענטשן וואס זענען גרייט אנצוהויבן זייער בילדונג און טרענירונג.״

במשך איר ׳סטעיט אָוו דע סטעיט׳ אדרעס האט גאווערנער האוקול באשטימט אן אמביציעזע ציל צו מאכן וואקסן די סטעיט׳ס העלטקעיר ארבעטסקראפט מיט 20 פראצענט איבער די קומענדע פינף יאר. עס זענען יעצט פאראן איבער 9,300 עפענונגען פאר רעגיסטרירטע נורסעס אין ניו יארק סטעיט.

**ניו יארק סטעיט העלט קאמיסיאנערין מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״נורסעס זענען די גרונטשטיין פון העלטקעיר און זענען געווארן העכסט-נייטיגע פארנט ליניע ערשטע רעספאָנדערס דורכאויס דער

קאָוויד-19 פאנדעמיע. דער סקאָלערשיפ פראגראם וועט פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט שטייט גרייט מיט דאס שענסטע און דאס בעסטע וואס SUNY און CUNY האבן אנצובאטן. איך אפלאדיר דער גאווערנער פאר אינוועסטירן אין דעם קריטיש-וויכטיגן פראגראם אין א צייט ווען נורסעס זענען אזוי הויך אין פארלאנג.״

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״נורסעס זענען דער רוקנביין פון אונזער טייערער העלטקעיר סיסטעם. די סקאָלערשיפס וועלן העלפן פיטערן די קריטיש-וויכטיגע ארבעטסקראפט רערן-ליניע זיכער צו מאכן אז אונזער מעדיצינישע סיסטעמען איבער'ן סטעיט זענען פולשטענדיגע אויסגעריכטעט מיט שטאב מיטגלידער גרייט זיך אפצוגעבן פאר די באדערפענישן פון אלע ניו יארקער, ווייט נאך דער תקופה פון דער פאנדעמיע. דורך העלפן די העלטקעיר העלדן גרייכן זייערע קאריערע צילן, פארזיכערן מיר א מער אפגעהיטענע און געזונטערע ניו יארק אויף פילע קומענדיגע יארן.״

**אסעמבלי-מיטגליד דעבארע דזשעי. גליק האט געזאגט,** ״נורסעס זענען דער גרונטשטיין פון העלטקעיר, און עס איז קריסטאל קלאר אז מיר דארפן מער פון די געניטע און מיטגעפיליגע אויפפאסער אין אונזערע שפיטעלער און מעדיצינישע אפיסעס. איך בין באגייסטערט פאר דעם ערשטן קאהארט פון 'נורסעס פאר אונזער צוקונפט' צו באקומען אן אויסגעצייכנטער און שכר לימוד-געצאלטע בילדונג ביי אונזערע SUNY און CUNY סקולס, און איך וואונש זיי יעדע סוקסעס בשעת זיי גרייטן זיך אויפצופאסן אויף ניו יארקער אינ'ם צוקונפט.״

**ניו יארק סטעיט נורסעס אסאסיעשען פרעזידענטקע נענסי העיגענס, RN, BSN, CCRN האט געזאגט,** ״הויכע קוואליטעט אויפפאסונג איז אנגעוויזן אויף האבן גענוג נורסעס ביי די בעטן צו קענען אויפפאסן אויף פאציענטן. מיר שעצן גאווערנער האקול פאר אנערקענען די נויט פאר מער נורסעס און פאר מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען אין נורסינג בילדונג און אין אונזער אויסגעצייכנטן פובליק אוניווערסיטעט סיסטעם. די 'נורסעס פאר אונזער צוקונפט' סקאָלערשיפ פראגראם וועט העלפן צוציען און טרענירן נאך נורסעס צו העלפן ניו יארק'ס העלטקעיר אנשטאלטן אויפצונעמען שטאב מיטגלידער מיט מער זיכערהייט. אינוועסטירן יעצט אין דעם נוּרסינג ארבעטסקראפט איז איין טייל פון דער לייזונג צו ליפערן הויכע קוואליטעט אויפפאסונג פאר אלע ניו יארקער ביז ווייט אינ'ם צוקונפט.״

**ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קארפארעישען פרעזידענט דר. גיערמא לינארעס האט געזאגט,** ״קאנגראטולאציעס צו די געווינער פון דעם 'נורסעס פאר אונזער צוקונפט' סקאָלערשיפ פראגראם און איך דאנק אייך פאר אנטשלאסנקייט צוריקצוגעבן פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער. נורסעס זענען געווען אויף די פארנט-ליניעס פון דעם קאָוויד-19 פאנדעמיק פאר די פארלאפענע צוויי יאר, און מיר נייטיגן זיך אין א שטארקע צאל געניטע און טאלאנטפולע נורסעס היינט מער פון אלעמאל. איך דאנק גאווערנער האקול פאר איינפירן דעם וויכטיגן פראגראם צו אדרעסירן די נורסינג מאנגל דורך אינצענטיווירן נורסעס אדער די וועלכע זענען פאראינטערעסירט אין א קאריערע אין העלטקעיר מיט דער געלעגנהייט צו פארברייטער זייערע געלעגנהייטן און פאראויס-פירן זייער בילדונג, אן קיין שטודיר-קאסטן, ביי איינע פון ניו יארק'ס ערשטראנקיגע אינסטיטוציע.״

**SUNY צווישנצייטיגע קאנצעלאר דעבארע עף. סטענלי האט געזאגט,** ״SUNY קאמפוסן פארברייטערן געלעגנהייטן נאכצוקומען די דרינגענדע נויט פאר מער העלטקעיר העלדן אין ניו יארק

סטעיט און נאך ווייטער. אונזערע איבער 70 נורסינג פראגראמען לענגאויס דעם סטעיט באטן אן בייגיגקייט, ערשט-ראנקיגע טרענירונג סימולאציע לאבאראטאריעס, מענטארשאפט, און אן אפענע טיר אויף באלוינענדע קאריערעס אין מעדיצין. מיר דאנקען גאווערנער האוקול פאר אויספלאסטערן דעם וועג פאר די היינטיגע באשאנקענע צו גרייכן זייערע טרוימען און ווערן דעם נעקסטן דור אויפפאסער און לעבנס-רעטער אין אונזער סטעיט.״

**CUNY קאנצעלאר פעליקס וו. מאטאס ראדריגעז האט געזאגט,** ״מיר גראטולירן די גאווינער פון די ׳נורסעס פאר אונזער צוקונפט׳ סקאָלערשיפ, פילע פון וועלכע וועלן זיך מיט אונז באטייליגן ביי CUNY דעם הערבסט זיך איינצושאפן אן אסאסיעט אדער בעטשלער׳ס דעגרי. אונזערע איבער 50 אונטערגראדואיר, גראדואיר און סערטיפיקאט פראגראמען אין נורסינג אויף 14 CUNY קאמפוסן טוען מיט שטאלץ אויסשולן די מעדיציניש פראפעסיאנעלן וועלכע גייען דערנאך אויפצופאסן אויף ניו יארקער. טויזנטער CUNY גראדואירער און סטודענטן האבן געדינט אויף די פארנט-ליניעס פון ניו יארק׳ס קאָוויד קאמף, און מיר שטייען גרייט פארצוזעצן ווייטער צו טון אונזערס אין אדרעסירן די גרויסע נויט פון דעם סטעיט. מיר דאנקען גאווערנער האוקול פאר איר אנטשלאסנקייט צוצושטעלן וועגן וואס לויפן דורך CUNY צו נורסינג און אנדערע געביטן וועלכע זענען נייטיג פאר אונזער סטעיט׳ס וואוילזיין.״

זיך צו באטייליגן אין דעם ׳נורסעס פאר אונזער צוקונפט׳ סקאָלערשיפ גורל, האבן אנטיילנעמער אויסגעפילט אן אָנליין פארעם. די סקאָלערשיפס זענען אויסגעטיילט געווארן פאר ניו יארק סטעיט גע׳לייסענס׳טע נורסעס זיך צו קענען שאפן א BSN, ניו יארק סטעיט איינוואוינער וואס זוכן צום ערשטן מאל צו באקומען אן ADN, און אויסער׳ן-סטעיט גע׳לייסענס׳טע נורסעס וועלכע זענען גרייט זיך אריבערצוציען און פראקטיצירן אין ניו יארק סטעיט אויף זיך צו שאפן א BSN.

סטודענט געשאנקענע וועלן קענען ענדיגן זייערע פראגראמען אויף א לייכטן סקעדזשול, צי איידער טייל-צייטיג צי פול-צייטיג. סקאָלערשיפס וועלן דעקן די אקטועלע שטודיר קאסטן געמאנט דורך דעם פובליק קאלעדזש אדער דער אוניווערסיטעט פאר פיר פול-צייטיגע סעמעסטערס. אויסטיילונגען וועלן ווערן פראפארציאנעל גערעכנט פאר די וואס שטודירן נישט פול-צייטיג.

###